בעזרת השם יתברך

# פרק צז-צח

## כי תבא

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

עטליכע טעמים פאַר תענית אסתר. - די גרויסקייט פון זאָגן סליחות ברבים תענית אסתר. - אין תענית אסתר ווערן אונזערע תפילות אָנגענומען אין זכות פון מרדכי און אסתר, און דער וואָס דאַרף האָבן רחמים אויף אַ געוויסע זאַך, זאָל מתפלל זיין אין דאָזיקן טאָג. - אין 16-טן טאָג פון חודש ניסן זאָל מען עוסק זיין אין די ענינים פון קמיצה, אַזוי ווי מרדכי האָט געטוהן בשעת דעם נס. - די טעג פון פורים זענען ימי הרצון, ווען דער אויבערשטער דערפילט אַלע בקשות פון די אידן.

אַ טעם פאַרוואָס די צדיקים ווערן צוגענומען צוליב די זינד פונעם דור. - די כוונה פון פסוק "ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו" וגו'. - פאַרוואָס אחשוורוש האָט איינגעלאַדן די אידן צו דער סעודה. - אַ וואָרענונג נישט נהנה צו זיין פון די סעודות פון די אומות העולם, אַפילו אויב די מאכלים זענען כשר. - דער זאַך וואָס מרדכי האָט אָנגעטוהן. - נאָך אַ טעם פאַר תענית אסתר.

# אינהאלט

## פון פרקים צ״ז - צ״ח


א. אין פרק צ״ז ווערט ערקלערט: די גרויסקייט פון דעם טאג פון תענית אסתר ....... ה

ב. עס איז אַ גרויסע זאַך צו זאָגן קאַפּיטל כ״ב ״לַמְנַצֵּחַ עַל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר״, תענית אסתר ....... ו

ג. אין פרק צ״ח ווערט ערקלערט: דער טעם וואָס די צדיקים ווערן געשטרויכלט דורך די זינד פונעם דור ....... ט

ד. וואויל דעם וואס מוז נישט נהנה זיין פון אנדערע ....... יא


❖ ❖ ❖

# פרק צ״ז

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט:
## די גרויסקייט פון דעם טאג פון תענית אסתר

**א. תענית-אסתר,** תענית אסתר האָט מען קובע געווען מען זאָל דעמאָלטס פאַסטן, לויט דער גמרא (מגילה דף ב׳ עמוד א׳): שְׁלֹשָׁה-עָשָׂר בַּאֲדָר זְמַן קְהִלָּה לַכֹּל הִיא. זאָגן מפרשים (ראש מס׳ מגילה סימן א. ר״ן דף א: ד״ה היכא), דעם פשט אַז אַלע זאַמלען זיך איין תענית אסתר, די דאָרפס לייט קומען אין שטאָט צו זאָגן סליחות מיט אַ מנין, צו זאָגן סליחות און תחנונים אין דעם דרייצנטן טאָג אין אדר, ווייל אין דעם טאָג האָבן זיך די אידן איינגעזאַמלט קעגנצושטעלן זיך די וועלכע האָבן זיי געוואָלט הרג׳ענען, ווי עס שטייט אין מגילת אסתר. און דאָס איז זייער געליבט ביי השם יתברך וואָס די דאָרפס לייט זאַמלען זיך איין אין שטאָט אַריין, ווייל די שיינקייט פון אַ קעניג ווען ער האָט אַ גרויסן עולם, און דורך די סליחות און תפילות ווערט דערוועקט גרויס רחמים אין דער פמליא של מעלה.

**ב. ויש עוד,** און עס איז פאַראַן נאָך אַ טעם פאַר וואָס מען פאַסט תענית אסתר, דאָס האָט דער מגיד מגלה געווען צו דעם בית יוסף (מגיד מישרים, פרשת ויקהל מהדו״ק, ד״ה הלא לך), ווייל די השגחה פון השם יתברך איז שטענדיק אויף די אידן וואָס זיי זיינען זיין אַן אויסדערוועהלט פאָלק און ער באַגערט זיי גערעכט צו מאַכן כדי זיי צו געבן פיל באַלוינונג אויף יענער וועלט. און ווען עס קומט דער פערצנטער טאָג אין אדר פרייען זיך די אידן אויף דעם גרויסן נס וואָס השם יתברך האָט געטאָן מיט די מפלה פון המן הרשע און זיינע זין און דעמאָלטס איז עס אָנגערופן שמחה של מצוה. דערפאַר האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט (מגילה דף ז׳ עמוד ב׳): ״חַיָּב אִינַשׁ לְבַסּוּמֵי בְּפוּרְיָא״ - דער מענטש איז מחויב צו זיין שיכור אום פורים.

און וויבאַלד אַז צו פיל עסן און טרינקען און שמחה קען אַ איד צוברענגען צו זינד, האָט השם יתברך באַשטימט דעם תענית אסתר אַ טאָג פריער, ווייל דער תענית איז א סגולה מציל צו זיין פון זינד. און דער שטן מיט די ״לילית״ זאָלן קיין מאַכט נישט האָבן אויף זיי מקטרג צו זיין און זיי צו ברענגען צו זינד צוליב דעם פיל עסן און טרינקען.

**ג. ועל ידי,** און דורך די סליחות און תחנונים וואָס מיר זאָגן צוזאַמען, דערוועקן מיר דעם זכות פון מרדכי און אסתר, און דערפאַר דאַרפן די דאָרפס לייט אויך זיין אין דער חבורא קדישא אין שול אין דעם טאָג פון תענית אסתר, ווייל דער טאָג איז זייער מסוגל אַז אונזער תפילה זאָל אָנגענומען ווערן דורך דעם זכות פון מרדכי און אסתר.

## עס איז אַ גרויסע זאַך צו זאָגן קאַפּיטל כ״ב ״לַמְנַצֵּחַ עַל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר״, תענית אסתר

**ד. וכל,** און יעדער וואָס דאַרף רחמים אויף עפּעס אַ זאַך וואָס ער דאַרף מתפלל זיין זאָל ער זיך אָפּנעמען אַ צייט אין דעם טאָג פון אסתר תענית, און זאָל פריער זאָגן אין תהלים דעם מזמור פון קאַפּיטל כ״ב ״לַמְנַצֵּחַ עַל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר״, ווייל אונזער חכמים זכרונם לברכה דרש׳ענען אַז אסתר ווערט גערופן ״אילת השחר״, דערנאָך זאָל ער בעטן פון השם יתברך וואָס ער דאַרף, און זאָל דערמאַנען דעם זכות פון מרדכי און אסתר, אַז דורך זייער זכות וועט אים השם יתברך ממלא זיין זיין בקשה, און וועט אים עפענען די שערי רחמים, און זיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן ברצון.

**ה. ובהיות,** און ווייל אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (מגילה דף ט״ז עמוד א׳) אַז אין דער צייט ווען המן איז געקומען צו מרדכי אים מאַכן רייטן אויף דעם פערד פון אחשורוש און אָפּצוגעבן אים כבוד, אַזוי ווי דער מלך אחשורוש האָט אים געבאָטן, האָט ער געפונען ווי די חכמים זענען געזעסן ביי מרדכי׳ן און ער האָט

זיי געלערנט הלכות קמיצה, איז רש״י מפרש (ד״ה הלכות) אַז מרדכי האָט גע׳דרש׳נט אין דעם ענין פון דעם טאָג, ווייל דעמאָלטס איז געווען זעכצן טעג אין ניסן און דאַן פלעגט מען ברענגען דעם ״עומר״ אין בית המקדש, האָט המן געזאָגט, אייער הייפל גערשטן מעל איז געקומען און האָט אַוועקגעשטויסן מיינע צען טויזנט צענטער זילבער, דערפאַר דאַרף מען אין דעם אַנדערן טאָג פסח דאָס איז זעכצן טאָג אין ניסן, לערנען די דינים פון קמיצה, און דאָס אַלץ איז צוליב דערוועקן דעם זכות פון צדיקים.

**ו. על כן,** דערפאַר מיינע ליבהאָבער וואָס זיי זאַמלען זיך איין צו הערן די מגילה אין דעם יום טוב פורים וואָס לעתיד וועלן אַלע ימים טובים בטל ווערן און פורים וועט נישט בטל ווערן, מוז מיר דעמאָלטס דערמאָנען דעם זכות פון מרדכי און אסתר, ווייל דער טאָג פון תענית אסתר און דער טאָג פון פורים זיינען ימי רצון און השם יתברך וואָס ער הערט צו אַלע תפילות זאָל מקבל זיין מיט רחמים און מיט רצון אונזערע תפילות.

❖ ❖ ❖

# פרק צ״ח

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער טעם וואָס די צדיקים ווערן געשטרויכלט דורך די זינד פונעם דור**

**א. בתחלת,** ביים אָנהויב ווען השם יתברך האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער געזען אַז די וועלט קען קיין קיום נישט האָבן, האָט השם יתברך משתף געווען דעם מדת הרחמים צו דעם מדת הדין, און האָט די וועלט באַשאַפן מיט דעם מדת הרחמים און מיט מדת הדין, און איך האָב געפונען אַ גוטן טעם וואָס הרב הגאון בעל המחבר "תורת חיים" (מסכת חולין דף פ״ו עמוד א׳) שרייבט, אויף דעם וואָס השם יתברך נעמט צו די צדיקים צוליב די זינד פונעם דור (זע מסכת שבת דף ל״ג עמוד ב׳), ווייל די מדה פון דין וויל פאַרלענדן די וועלט אַז די לייט טוען נישט דעם ווילן פון השם יתברך, און השם יתברך מיט זיין פיל רחמנות האָט זיך מרחם געווען איבער אַלע באַשעפענישן, דערפאַר האָט ער משתף געווען די מדת הרחמים צו די מדת הדין, נאָר די מדת הדין שרייט און איז אָבער מקטרג און וויל השם יתברך זאָל טאָן דין אויף דער וועלט, נעמט השם יתברך אַ צדיק וועלכער וועגט קעגן דער גאַנצער וועלט און דערמיט שטילט ער איין דעם דין, און די גאַנצע וועלט ווערט געראַטעוועט, אָבער תיכף ווי דער דאָזיגער צדיק שטאַרבט, ווערט געבוירן אַן אַנדער צדיק אויף זיין אָרט, ווי עס שטייט (קהלת א, ה): "וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשָּׁמֶשׁ".

**ב. ועל פי זה,** און דורך דעם קען מען פאַרענטפערן אַ גרויסע קשיא אין די פסוקים פון דער מגילה (אסתר ג, ה-ז): "וַיַּרְא הָמָן כִּי אֵין מָרְדֳּכַי כֹּרֵעַ וּמִשְׁתַּחֲוֶה לוֹ וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה, וַיִּבֶז בְּעֵינָיו לִשְׁלֹחַ יָד בְּמָרְדֳּכַי לְבַדּוֹ וגו׳. וַיְבַקֵּשׁ הָמָן לְהַשְׁמִיד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל מַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ עַם מָרְדֳּכָי". עס איז נישט פאַרשטענדליך, בלויז מרדכי האָט זיך נישט געוואָלט בוקן - האָט המן דערפאַר געוואָלט

הרג׳ענען אַלע אידן? דער תירוץ איז, עס איז ידוע (זע מגילה דף י״ב עמוד א׳), אַז די אידן פון דאָזיקן דור זענען געווען חייב מען זאָל זיי פאַרלענדן צוליב דעם וואָס זיי האָבן זיך געבוקט צו די עבודה זרה פון נבוכדנצר, אָדער ווייל זיי האָבן נהנה געווען פון דער סעודה וואס אחשורוש האָט געמאַכט, און המן און דער שטן האָבן דערויף מקטרג געווען, און דער מדת הדין האָט מחייב געווען אַז אַלע אידן זאָלן דורך דעם פאַרלענדט ווערן חס וחלילה, און מרדכי האָט געוואויגן קעגן אַלע אידן, דערפאַר האָט המן נישט געוואָלט הרג׳ענען פריער מרדכי ווייל דורך אים וועלן אַלע אידן האָבן אַ כפרה, נאָר ער האָט בעסער געוואָלט אַלע אידן אויס הרג׳ענען פריער און דערנאָך מרדכי׳ן.

**ג. והנה,** און דערפאַר זענען דעמאָלטס די אידן געווען חייב פאַרלענד צו ווערן חס וחלילה איבער דעם וואָס זיי האָבן נהנה געווען פון די סעודת אחשורוש, כאָטש זיי האָבן דאָך נישט געגעסן קיין טריפות און נאָר כשר ויין, ווייל עס שטייט והשתיה כדת אין אונס - און דאָס טרינקען איז געווען נאָך יעדנס דת, מען האָט קיינעם נישט געצוואונגען עובר זיין אויף זיין דת.

**ד. ועל כן,** און דער מדת הדין האָט געוואָלט מ׳זאל פאַרלענדן אַלע אידן, און ס׳זאָל זיך מערן די קינדער פון מרדכי כחול הים ווייל ער האָט נישט נהנה געווען פון דער סעודת אחשורוש, נאָר מרדכי האָט מיט זיין תפלה מבטל געווען די גזירה ווי משה רבינו האָט מיט זיין תפלה מבטל געווען פיל גזירות און מרדכי האָט געלאָזט וויסן אסתר׳ן דעם גרויסן פגם וואָס עס איז געטאָן געוואָרן דורך דער סעודה פון אחשורוש, האָט אסתר תיכף זיך אָנגעקליידט רוח הקודש און האָט געגעבן אַן עצה זיי זאָלן פאַסטן דריי טעג און דריי נעכט, אויף צו מבטל זיין די זוהמא וואָס המן האָט אַריינגעוואָרפן אין דער סעודה, און דורך דעם פאַסטן וועט דער כח פון די זוהמא אָפּגעשוואַכט ווערן, און דאָס איז נאָך אַ טעם פאַרוואָס מיר פאַסטן תענית אסתר.

## וואויל דעם וואס מוז נישט נהנה זיין פון אנדערע

**ה. על כן,** דעריבער דאַרף יעדער אין תענית אסתר מכוון זיין און מתפלל זיין אַז דער זכות פון מרדכי און אסתר זאָל אונז ביישטיין וואָס זיי האָבן מתקן געווען דעם תענית און האָבן אים קובע געווען אויף אייביק כדי אָפּצושוואַכן דעם כח פון דער סטרא אחרא, וואָס ער וויל זיך באַהעפטן אין דער קדושה און דורך דעם תענית ווערט געלייטערט און גערייניגט דער דאָזיגער גרויסער פגם און יעדער וואָס איז נזהר און וויל נישט נהנה זיין פון אַנדערע און עסט פון זיין אייגענע האָרעוואַניע, דעם וועט זיין וואויל אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

❖ ❖ ❖

# אוצר של יראת שמים

**ב. כי אם את ה' אלוקיכם תיראו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).**

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור ליראה את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות – חה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**דעו אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:). יא).**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקנו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקך תירה אותו תעבוד ובו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי', ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים, בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית. וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**